57 און זיי האָבן אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול
און זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערן, און אַלע איינ־
58 איינעם האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, און
אים אַרויסגעשטויסן אויסער דער שטאָט און
געשטייניקט; און די עדות האָבן אַוועקגעלייגט
זייערע מלבושים בײַ די פֿיס פֿון אַ יונגנמאַן,
59 וואָס האָט געהייסן שאול. און האָבן געשטייניקט
סטעפֿאַנוסן, בשעת ער האָט אויסגערופֿן און
60 געזאָגט: האַר ישוע, נעם אויף מײַן גייסט. און
האָט אַנידערגעקניט און אַ געשריי געטון מיט אַ
הויך קול: האַר, רעכן זיי נישט צו די דאָזיקע זינד.
און דאָס זאָגנדיק, איז ער אײַנגעשלאָפֿן.

## קאַפּיטל אַכט

1 און שאול האָט מסכים געווען צו זיין טויט. און
יענעם טאָג האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסע
רדיפֿה אויף דער קהלה אין ירושלים; און אַלע
זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער די געגנטן פֿון
יהודה און שומרון, מיטן אויסנאַם פֿון די שליחים.
2 און גאָטספֿאַרכטיקע לײַט האָבן גענומען סטעפֿאַנוסן
און אים קובר געווען, און געמאַכט אַ גרויס
3 הספּד אויף אים. שאול אָבער האָט חרוב געמאַכט
די קהלה, איז אַרײַנגעגאַנגען אין יעדן הויז, און
געשלעפּט מענער און פֿרויען און זיי איבער־
געגעבן אין תּפֿיסה אַרײַן.
4 און די, וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן, זענען
5 אַרומגעגאַנגען מבשׂר זײַענדיק דאָס וואָרט. און
פֿיליפּוס איז אַראָפּגעגאַנגען אין דער שטאָט
שומרון אַרײַן, און האָט אויסגערופֿן צו זיי
6 דעם משיח. און די מאַסן האָבן אַלע אײנאײנעם